## יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד


Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען


# נייער פאלקסבלאט


| № 105 | Łódź, Niedziela 7 maja 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, י״א אייר תרצ״ג | № 105 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# פרעז. מאשטשיצקי קאנדידירט ווייטער

## אויפ'ן אמט פון מלוכה־פרעזידענט

## די וואהלען קומען פאר מארגען 1 א זייגער

וו א ר ש א, 6 (טעלעפאניש)

פרייטאג איז פארגעקומען א זיצונג פון פרעזידיום פון סאנאטארישען סיים־קלוב אויף דער זיצונג האט דאס פרעזידיום גערעדט וועגען דעם קאנדידאט אויף מלוכה־פרעזידענט.

אין די מיטאג־שעה'ן איז בעקאנט געווארען, אז דאס פרעזידיום פון סאנאציע־קלוב האט בעשלאסען פארצולייגען דעם פלענום פון סאנאציע־קלוב וואס וועט פארקומען מאנטאג 9 פריה די קאנדידאטור פון איצטיגען פרעזידענט פראפ. מאשטשיצקי.

אזוי ארום איז שוין קלאהר, אז דער קאנדידאט אלס מלוכה־פרעזידענט איז דער איצטיקער פרעזידענט, וועלכער פארנעמט שוין דעם אמט 7 יאהר.

אין די סיים־קולוארן האט מען נעכטען געשמועסט, אז נישט געקוקט אויפ'ן בעשלוס פון ב.ב. פרעזידיום ארויסצושטעלען די קאנדידאטור פון פראפ. מאשטשיצקי, וועט ער פונדעסטוועגען נישט בלייבען דער פרעזידענט פון פוילען, ווייל ער וויל מעהר נישט פארנעמען דעם דאזיגען אמט. מען וועט דעם פראפ. מאשטשיצקי אויסוועהלען, ער וועט זיך אבער באלד אפזאגען. מען וועט דאן וועהלען א צווייטען.

די „גאזעטא ווארשאווסקא" ווייס צו דערציילען, אז מען וועט אויך וועהלען דעם מארשאל פילסודסקי, אלס פרעזידענט פון פוילען, אבער אויך ער וועט זיך אפזאגען און ערשט א דריטער, וועלכער וועט געוועהלט ווערען, וועט בלייבען פרעזידענט.

די נאציאנאלע פערזאמלונג וועט אזוי ארום פארקומען דריי מאל.

* *

מען האט לעצטענס זעהר פיל גערעדט וועגען אמנעסטיע. וואס וועט ארויסגעגעבען ווערען באלד, ווי דער ניי געוועהלטער מלוכה־פרעזידענט וועט איבערנעמען דעם אמט. די קלאנגען זענען שוין געהאט אפגעלייקענט געווארען. מען האט אנגעוויזען, אז נאר אין א מאנארכיע פיהרט זיך, אז מען גיט ארויס אן אמנעסטיע בעת עס ווערט בעקרוינט א נייער מלך. אין א רעפובליק אבער איז אזא מנהג נישטא.

נעכטען האט מען אבער ווידער שטארק גערעדט וועגען אן אמנעסטיע וואס וועט ארויסגעגעבען ווערען אין צוזאמענהאנג מיט די פרעזידענט־וואהלען. מען האט אפילו איבערגעגעבען, אז אין יוסטיץ־מיניסטעריום ווערט שוין אויסגעארבייט דער גענויער פראיעקט פון אמנעסטיע.

ווי מען פערזיכערט וועט דאס מאל די אמנעסטיע אויך זיין הל אויף פאליטישע ארעסטירטע. עס זאלען בעפרייט ווערען פערמשפטע פאר קאמוניסטישע חטאים, איבערהויפט מינדעריעהריגע.

וו א ר ש א, 6 (טעלעפאניש)

אין צוזאמענהאנג מיט דער נאציאנאלער פערזאמלונג האט היינט נאכמיטאג אפגעהאלטען א בעראטונג דער ענדעקישער סיים־קלוב. די דעציזיע פון קלוב וועט פעראפענטליכט ווערען ערשט אין טאג פון דער נאציאנאלער פערזאמלונג. ס'האבען אויך נאך נישט אנגענומען קיין בעשלוסען די קלובען פון פ.פ.ס., יודישע קאלא, אוקראינישער קלוב און דייטשער קלוב.

* * *

וו א ר ש א, 6 (טעלעפאניש)

די דעפוטאטען און סענאטארען האבען היינט בעקומען מיטטיילונגען מיט געפעלשטע אונטערשריפטען פון סיים־ביורא. אין וועלכע ס'איז געזאגט געווארען. „צוליב דעם וואס דער מארשאל פילסודסקי האט שוין בעשטימט א מלוכה־פרעזידענט, איז דער אנטייל פון די דעפוטאטען אין דער נאציאנאל־פערזאמלונג איבעריג".

דאס סיים ביורא שטעלט דעריבער פעסט, אז מ'האט, פערשטעהט זיך, צו טון מיט פאלטיפיקאטען.

## געשטארבען א מענש פון 256 יאר

לאנדאן, 6 (ספ. טעל.)

רייטער־ביורא ברענגט א ידיעה פון כינא, אז אין דער ארטשאפט קיאה־טיען איז געשטארבען א כינעזער לי־טשין־יון, וואס איז אלט געווען 256 יאהר.

לי־טשין־יון איז געבוירען געווארען אין יאהר 1677. דאס יונגסטע איניקעל זיינס איז איצט אלט 70 יאהר.


## טעאטער „סקאלא"

שרודמיעסקא 15

שטורמישער ערפאלג! — אומגעהויערע בעגייסטערונג און בראוואָ־אויסגעשרייען!

לעצטע 2 טעג! ● לעצטע 2 טעג!

מ. ווינדער פרעזענטירט די בעריהמטע אמעריקאנער קינסטלער





# לוסי און מישא גערמאן

היינט, זונטאג, 9 אווענד די גרויסע טריומף־פאלקס־פיעסע

# „מאמע און שוויגער"

אין 3 אקטען פון קאלמאנאוויטש. רעזשי: מישא גערמאן. — לוסי גערמאן — אין דער גלענצענדער ראל „אסתר" מישא גערמאן — אין דער גרויסער פאטער־ראל „לאזאר"

היינט, זונטאג 12 בייטאג

גראנדיעזע פריהמארגען־פארשטעלונג פאר ארבייטער און אינטעליגענץ! צו ספעצ. פרימארגען־פרייזען פון 50 גר. ביז 150

ס'ווערט געשפילט די בערעהמטע אמעריקאנער סוקצעס־פיעסע

# „מאמע און שוויגער"

מיט לוסי און מישא גערמאן אין די טיטעל־ראלען.

בילעטען צו בעקומען א גאנצען טאג ביי דער קאסע פון סקאלא־טעאטער

